**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הייבט אן מעידזשאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראם "איין נעטווארק-פאר ארטיגע פארגעשריטענע מאניופאקשורינג צוזאמענארבעט" צוזשטעלן 200 מיליאן דאלער פאר ארבעט טרענירונג און שטיצע פאר קאריערעס אין שנעל פארברייטענדע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג סעקטאר**

***פיסקאלע יאר 2025 אקטיוו בודזשעט איניציאטיוו שאפט ארטיגע טרענירונג צענטערן איבער אפסטעיט נאכצוקומען פארמערטע געברויך פאר פעיאיגע ארבעטער אין ניו יארק'ס וואקסנדע פארגעשריטענע מעניופאקטשורינג אינדוסטריע***

גאווארנער האקול האט היינט געמאלדן די אנפאנג פון איר באקאנטע איין נעטווארק-פאר ארטיגע פארגעשריטענע מאניופאקשורינג צוזאמענארבעט ( One Network for Regional Advanced Manufacturing Partnerships, ON-RAMP) פראגראם א 200 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו העלפן שטיצן און אנערקענען א נעץ פון פיר נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן אין סטראטעגישע הויכע ווירקונג לאקאציעס אין אפסטעיט ניו יארק ערשט [געמאלדן](#) אלס טייל פון איר פיסקאלע יאר 2025 איינגעפירטע בודזשעט. די צענטערן וועלן צוזאמברענגען אינדוסטריע, אקאדעמיע, סאושעל סערוויסעס און קאמיוניטי ארגאניזאציעס צוזשטעלן הויכע קוואליטעט, שטארק פארלאנגטע סקילס טרענירונג און אייננארטיגע שטיצע נויטיג צו באפולמעכטיגן ניו יארקער מיט די סקילס זיי דארפן צו אנהייבן קאריערעס אין שנעל וואוקסנדע פארגעשריטענע מעניופאקטשורינג אינדוסטריעס אזויווי סעמי-קאנדאקטערס. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) האט אנטוויקעלט און וועט אנפירן די פראגראם.

"ניו יארק'ס עקאנאמישע קאנקורענץ איז די רעזולטאט פון אונזער אויסערגעוועהנליכע ארבעטסקראפט, שטערבנדיג יעדן טאג צו אינאווירן,שאפן און שטופן די גרעניצן פון וואס איז מעגליך," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "מיין ON-RAMP פראגראם ברענגט הילפסמיטלען צו אונזער אפסטעיט קאמיוניטיס צו צואיילן אינוועסטירונגען אין מעניופאקטשורינג - און עס טוט שוין צושטעלן פאר ניו יארקער צענדליגע טויזנטער נייע דזשאבס אין די אינדוסטריעס פון די צוקונפט קומענדיג צו אונזערע סטעיט."

אפליקאציעס פאר געגנטער צו ווערן אויסגעוועלט פאר נאך דריי ON-RAMP צענטערן און באקומען פלאנירונג געלטער צו אנטוויקלען א פולע ביזנעס און איינפירונגס פלאן זענען יעצט אפן אויף די [ESD](#) [וועבסייט](#).

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינער האופ נייט האט געזאגט,** "אונטער גאווארנער האקול'ס פירערשאפט, טוט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט מאכן קלוגע, הויכע ווירקונג אינוועסטמענטס געאייגנט צו פארברייטערן די געלעגנהייט עקאנאמיע צו אלע ניו יארקער. די איניציאטיוו ON-RAMP פראגראם ברענגט צוזאמען די געברויכן פון די וואוקסנדע אינדוסטריעס וואס מיר

ציען ערפאלגרייך צו ניו יארק מיט א ארבעטסקראפט מיר פארשטערקערן - מיט סקילס און טרענירונג - צו זיין סוקסעספול אין די ציקונפטדיגע דזשאב'ס."

**סטעיט סענאטאר שאן רייען האט געזאגט,** "ניו יארק איז די היים צו א וואוקסנדע פארגעשריטענע מעניופאקטשורינג אינדוסטריע און מיר מוזן פארזיכערן אז מיר האבן די ארבעטסקראפט נויטיג צו אנפילן די גוט-באצאלטע דזשאב'ס. ארבעט טרענירונג מאר די ארבעטער וועט פארזיכערן אז ניו יארק טוט ווייטער אונזער עקאנאמיע פאראויס און אנהאלטן אונזער באמיאונגען צו ציען וועלקגעשטעלטע ביזנעסער און סטארט-אפ'ס פון ארום די וועלט."

**אסעמבלימעמבער אל סטירפע האט געזאגט,** "די שלענע וואוקס פון ניו יארק'ס פארגעשריטענע מעניופאקטשורינג סעקטאר שטרייכט אונטער די קריטישע נויט צו אויסשטאטן אונזער אפסטעיט ארבעטסקראפט מיט די סקילס נויטיג פאר סוקסעס. די מעגליכקייט צו גרייכן געוועזענע אינארירטע קאמיוניטיס דורך צושטעלן אייגנארטיגע שטיצע, טוט נישט נאר פארמערן די צאל פון פאטענציעלע ארבעטער, נאר טוט אויך צושטעלן די געלעגנהייט צו ארויסנעמען אינדיווידועלס פון דורות פון ארעמקייט. איך בין שטארק דאנקבאר פאר די באמיאונגען פון גאווארנער האקול'ס 200 מיליאן דאלערדיגע 'ON-RAMP' פראגראם, וואס וועט מאכן א באדייטנדע אינוועסטירונג אין ארבעט טרענירונג צו שטיצן די קאריערעס און פארשטעקערן אונזער ראיאן פאר קומעדיגע יארן. מיט די אנקום פון מיקראן (Micron) אין דער דיסטריק, די געוויכט אויף מעניופאקטשורינג עדיוקעישאן איז וויכטיגע ווי סיי ווען אזוויי מיר טוען ענטפאנגען די געלעגנהייטן אין די סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע."

**אסעמבלימעמבער הערי בראנסאון האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זאגן אז א דאנק צו די שטיצע און פארטנערשיפ פון מיין קאלעגעס אין די גרעיטער ראטשעסטער מאריטעט דעליגאציע ( Greater Rochester Majority Delegation) האט די גאווארנער אידענטיפיצירט ראטשעסטער אלץ איינע פון די הויכע ווירקונג, סטראטעגישע לאקאציעס פאר די ON-RAMP פראגראמ'ס נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג טרענירונג צענטערן. אלץ אסעמבלי לעבאר טשעיר, גלייב איך אז מיר מוזן פריאריטאזירן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אלץ א מיטל צו פארמינערן ארעמקייט און אויפהייבן אונזער פאמיליעס. קריטישליך, ON-RAMP וועט אויך אדרעסירן שטרויכלונגען צו ארבעט אזוי ווי טראנספארטאציע, טשיילדקעיר, עדיוקעישאן און אנדערע סאושעל הילף דורך צושטעלן אייגנארטיגע סערוויסעס צוזאמען מיט ארבעט טרענירונג. דאס איז וויאזוי מיר טוען באמת פארמערן גלייכבארעכטיגקייט אין אונזער עקאנאמיעץ."

**פרעזידענט און CEO פון סענטערסטעיט ראבערט סימפסאן האט געזאגט,** "גאווארנער האקול פארשטייט אז פאר אונזער פירמעס און קאמיוניטיס צו זיין סוקסעספול, נויטיגט זיך אינוועסטירונגען צו פארזיכערן אז פארגעשריטענע מעניופאקטשורינג דזשאבס זענען צוגענגליך צו מער צענטראלע ניו יארקער. די ON-RAMP פראגראם וועט ברענגען ארבעט טרענירונג פאר הויכע-וואוקס אינדוסטריעס אריין צו אונזער געגנטער, טרעפנדיג מענטשן דארט ווי זיי זענען און פארזיכערענדיג אז שאפן דזשאבס ברענגט מעסיגע רייכטום אין אונזער קמיוניטיס."

ON-RAMP וועט אוועקשטעלן פיר נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן, אריינגערעכנט דריי אויסגעוועלט קאנקורירענד, און א הויפט לאקאציע אין צענטראלע ניו יארק, באזירט אין סירעקיוז. פאר די דריי קאנקורירענד אויסגעוועלטע צענטערן, ON-RAMP גרענט געלטער וועט דעקן:

- א פלאנירונג גרענט פאר אנטוויקלונג פון א ביזנעס פלאן פאר א ON-RAMP צענטער אין די ראיאן;
- א טייל פון פירערשאפט אויסגאבן פארבינדן צו קאריקיולום אנטוויקלונג און דערהאלטונג פון טרעיני שטיצע סערוויסעס; און

- א טייל פון קאפיטאל געברויכן פאר רענאוואציעס, פארברייטערונגען, און/אדער בוי ארבעט קאסטן פארבינדן צו צושטעלן פארגעשריטענע מעניופאקטשורינג טרענירונג.

ON-RAMP צענטערן זענען ערווארטעט צו זיין אוועקגעשטעלט אלץ פולשטענדיג זעלבסט געשטיצטע איינהייטן וואס וועט נישט דארפן אנגייענדע שטיצע פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) אינערהאלב פינף יארן פון א צענטער'ס איינפירונגס שטיצע.

צווישן אנדערע פרינציפן, יעדער פון די פיר טרענירונג צענטערן מוזן:

- אנטוויקלען צוגענגליכע און מעסיגע וועגן פאר פריאריטעט באפעלקערונג;
- צושטעלן א קוריקיולום און טרענירונג ביישפילן וואס צייגט אינדוסטריע פראיעקטן פאר פארגעשריטענע מעניופאקטשורינג ארבעט וואוקס אין די ראיאן;
- אויפווייזן צו קענען צופאסן סערוויסעס צו נאכקומען טוישנדע אינדוסטריע געברויכן און א דינאמישע גלאבאלע מארקעט;
- שאפן קאריערע וועגן פאר סיי ענטרי-לעוועל און מיד-סקיל ארבעטער פאר לאנג-טערמיניג שטאנדהאפטיגע ארבעט;
- צושטעלן אייגנארטיגע שטיצע פאר פראגראם אנטיילנעמער;
- און נאכגיין רעזולטאטן צו העלפן מעסטן פראגאמירטע סוקסעס.

**גאווארנער האקול'ס פארפליכטיגונג צו פארגרעסערן ניו יארק'ס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע**
גאווערנער האקול האט אנגעהאלטן א שטארקע פארפליכטונג צו בויען א מאדערנע עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט דורכ'ן אויסברייטערן א דינאמישע און אינאוואטיווע סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע. אין 2022 האט די גאווערנער אונטערגעשריבן ניו יארק'ס היסטארישער 'גרינע טשיפס' געזעץ כדי צו מאכן ניו יארק פאר א צענטער פון סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג, שפאנדיג דזשאבס פון די 21'סטע יאר הונדערט און אונטערשטיצנדיג עקאנאמישע וואוקס, בשעת'ן היטן אויף וויכטיגע שוץ מאסנאמען פאר די סביבה. אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2024 אקטיוויע בודזשעט, האט גאווערנער האקול פארזיכערט א 45 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אוועקשטעלן די "גאווערנער'ס אפיס פאר סעמי-קאָנדאָקטער פארברייטערונג, פארוואלטונג און איינגלידערונג" (Governor's Office of Semiconductor Expansion, Management, and Integration, GO SEMI) וואס פירט אן די סטעיט-ברייטע באמיאונגען צו אנטוויקלען די טשיפ פראדוקציע סעקטאר. אין דעצעמבער 2023, האט גאווארנער האקול געמאלדן א 10 ביליאן דאלאר פובליק-פריוואטע פארטנערשיפ - ארייננרעכענענדיג 9 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג פון IBM, מיקראן, אפלייד מאטעריאלס, טאקיא עלעקטראן און אנדערע סעמיקאנדוקטער פירערס - צו ברענגען די צוקונפט פון פארגעשריטענע סעמיקאנדאקטער פארש ארבעט צו ניו יארק'ס הויפשטאט ראיאן דורך שאפן די לאנד'ס ערשטע און איינציגסטע אינדוסטריע צוגענגליך, הויכע NA EUV ליטאגראפי צענטער (High NA EUV Lithography Center) ביי די אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס. אלע פון די אנשטרענגונגען שטעלן אוועק ניו יארק אלס א אינאוואציע פירער גרייט צו שטיצן איינס פון דריי נאציאנאלע סעמיקאנדוקטאר טעכנאלאגיע צענטער איינריכטונגען וואס וועלן זיין אוועקגעשטעלט אונטער די יונייטעד סטעיטס טשיפ'ס און סייענס געזעץ( U.S. CHIPS & Science Act)

ניו יארק איז די היים פון א שטארקע סעמיקאנדאקטאר אינדוסטרי וועלכע שטיצט מער פון 150 סעמיקאנדאקטאר און סופלייי קייט פירמעס וואס געבן ארבעט פאר איבער 34,000 ניו יארקער. אלס דאנק צו גאווערנאר האקול'ס אנשטרענגונגען, טוט די אינדוסטריע זיך ווייטער אויסברייטערן מיט ריזיגע אינוועסטירונגען פון סעמיקאנדאקטאר ביזנעסער און סופלייי קייט פירמעס אזוי ווי מיקראן,

גלאבעלפאונדריעס, AMD, עדווארדס וועקיום, מענלאמייקרא און TTM טעכנאלאגיעס צו פארברייטערן זייער אנוועזנהייט אין ניו יארק. אין פאקט, אין די לעצטע צוויי יאר, האבן טשיפס פירמעס געמאלדן איבער 112 ביליאן דאלאר אין פלאנירטע קאפיטל אינוועסטירונג אין ניו יארק - מער ווי סיי וועלכע סטעיט - און איינס אין פיר יו.עס. פאבריצירטע טשיפס וועט ווערן פאבריצירט אין 350 מייל פון אפסטעיט ניו יארק. קיין איין אנדערע ראיאן אין די קאנטרי וועלן האבן א גרעסערע טייל פון דאמעסטיק פראדוצירונג.

סעמי-קאָנדאָקטערס זענען קריטיש פאר די לאנד'ס עקאנאמישע שטארקייט, דינענדיג אלס די מוח פון מאדערנע עלעקטראניקס און ערמעגליכנדיג טעכנאלאגיעס וואס זענען קריטיש פאר די פאראייניגטע שטאטן'ס עקאנאמישע וואוקס, נאציאנאלע זיכערהייט און קאנקורענץ אויפן גלאבאלע מארקעט. די אינדוסטריע באשעפטיגט דירעקט איבער 300,000 מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן און שטיצט נאך מער פון 1.8 מיליאן דזשאבס אין דאס לאנד. סעמי-קאָנדאָקטערס זענען פון די פינף פראדוקטן וואס ווערן די מערסטע עקספארטירט פון די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז די הויפט ביישטייערער צו די פרוכטבארקייט פון ארבעט, ערמעגליכנדיג פארבעסערונגען צו די ווירקזאמקייט און געשליפנקייט פון ארבעט אין כמעט יעדע עקאנאמישע סעקטאר — פון פארמינג ביז מעניופעקטשורינג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן